בס"ד. שיחת ליל ב' דחג הסוכות, תשמ"א. **הנחה פרטית בלתי מוגה**

א. אין דער שמחה שבחג הסוכות - זיינען דא בכללות צוויי ענינים:

א) די שמחה וואס איז פארבונדן מיט דעם יו"ט - וואס אין דעם גופא זיינען דא צוויי ענינים: א) דער חיוב "ושמחת בחגיך" וואס איז דא (אויך) יעדער יו"ט (ראה טז, יד. רמב"ם הל' יו"ט פ"ו הי"ז. שו"ע אדה"ז או"ח סתקכ"ט ס"ו), וואס אלע ימים טובים זיינען "מועדים לשמחה". ב) די שמחה מיוחדת נוספת וואס קומט צו בחגה"ס, "זמן שמחתינו".

[עס איז פאראן א דיעה (י"א - הובא במהרי"ל הל' פסח (הל' תפלה בהגה"ה). ח"ל או"ה סת"צ סקי"ט), אז אויך בשביעי של פסח זאגט מען "זמן שמחתינו", אבער די הלכה איז (רמ"א שם ס"ז), אז מען זאגט דעמאלט "זמן חירותנו"].

ב) די שמחה וואס איז פארבונדן (ניט מיט דעם יו"ט גופא, נאר) מיט געוויסע ענינים און פעולות שבחגה"ס. און אויך אין דעם זיינען דא צוויי ענינים:

א) די שמחה וואס איז פארבונדן מיט נטילת ד' מינים, כמ"ש (אמור כג, מ), "ולקחתם לכם גו' ושמחתם לפני ה' אלקיכם שבעת ימים" — שמחת לולב (ירושלמי סוכה פ"ג הי"א. וראה גם פרש"י סוכה מג, ב. ד"ה ולולב).

ב) די שמחה וואס איז פארבונדן מיט ניסוך המים, וואס די שאיבת המים (וואס מען האט מנסך געווען אויפן מזבח) איז געווען בשמחה - "ושאבתם מים בששון ממעיני הישועה" (ישעי' יב, ג. סוכה מח, ב),

אז די מים וואס מען האט מנסך געווען ע"ג המזבח האבן געדארפט קומען פון א מעין, און (ניט פון איין מעין, נאר) ממעיני לשון רבים - "מעיני תרי" (לקו"ת סוכות עט, סע"ג. המשך וככה תרל"ז פצ"ח), און פון אזוינע מעינות וואס זיינען "מעיני הישועה" (לקו"ת שם פ, ג).

און די שאיבת המים פון "מעיני הישועה" האט געדארפט זיין "בששון".

ב. אין דעם סדר פון די צוויי שמחות הנ"ל וואס זיינען פארבונדן מיט די פעולות דחגה"ס - שמחת לולב און שמחת בית השואבה - זיינען דא צוויי דיעות, וועלכע פון זיי איז געקומען פריער:

לויט איין דיעה (סוכה מב, ב (במשנה). תענית ג, א) [און אזוי איז די הלכה (רמב"ם שם ה"ו)], איז דער ניסוך המים [בשחרית] געווען בכל שבעת ימי החג (אויך ביום הראשון). ועפ"ז איז די שאיבת המים געווען אויך בלילה הראשונה של החג - **פאר** נטילת ד' מינים, וואס קיום מצותה הויבט זיך אן ביום (טושו"ע או"ח ר"ס תרנ"ב).

ס'איז דא אבער א דיעה (תענית שם), אז ניסוך המים האט זיך אנגעהויבן דעם צווייטן טאג סוכות (בשחרית), ולפי"ז, איז אויך די שאיבת המים בפעם הראשונה געווען בלילה השניה - **נאך** נטילת ד' מינים, וואס איז געווען שוין ביום הראשון.

און וויבאלד אז "אלו ואלו דברי אלקים חיים" (עירובין יג, ב), איז מובן, אז כאטש די הלכה איז נאר ווי איין דיעה (וואָרום בנוגע למעשה בפועל איז ניט שייך צו טאן ווי ביידע דיעות), איז אבער בנוגע לעבודה ברוחניות דארף מען אפלערנען א הוראה פון ביידע דיעות, אויך פון דער דיעה וואס אין הלכה כמותה - וויבאלד אז אויך די דיעה איז א חלק פון תורה מלשון הוראה (זח"ג נג, ב).

ג. וועט מען עס פארשטיין בהקדם וואס דער רבי מהר"ש [וואס זיין הילולא איז געווען מיט דריי טעג צוריק] איז מבאר (בהמשך וככה הנ"ל פצ"ז ואילך) דעם ענין פון שמחת בית השואבה

- מיוסד אויף די דרושים פון דעם אלטן רבי'ן (לקו"ת ד"ה ושאבתם הא' והב' (עח, סע"ג ואילך)), דעם מיטעלן רבי'ן (סידור ד"ה הנ"ל - רסח, א. ואילך), און פון כ"ק אדמו"ר הצ"צ (ד"ה הנ"ל - אוה"ת סוכות - כרך ה - ע' ב'קמז ואילך), און דערנאך זיינען פאראן אויך כמה דרושים (בענין שמחת בית השואבה) פון בנו וממלא מקומו כ"ק אדמו"ר (מוהרש"ב) נ"ע, און פון כ"ק מו"ח אדמו"ר (ד"ה הנ"ל תרצ"ז. ועוד) -

די מעלה פון ניסוך המים אויף ניסוך היין [וואס דערפאר איז די שאיבת המים געווען בשמחה גדולה], און די שייכות פון ניסוך המים (מיט די שמחה וואס איז פארבונדן דערמיט) צו סוכות און ד' מינים.

ד. דער תוכן הביאור בזה [וואס קומט אויס פון די אלע דרושים הנ"ל] איז:

די שמחה וואס איז געווען פארבונדן מיט ניסוך היין ע"ג המזבח (ראה ברכות לה, א. רמב"ם הל' כלי המקדש פ"ג ה"ב) - איז אן ענין וואס איז פארבונדן מיט דעם טבע און תכונות פון יין, ווארום יין בטבעו איז א דבר המשמח, כמ"ש (שופטים ט, יג. וראה ברכות שם), יין המשמח אלקים ואנשים. משא"כ די שמחה וואס איז פארבונדן מיט ניסוך המים ע"ג המזבח - האט ניט קיין שייכות צו דעם טבע און תכונות פון מים, ווארום מים איז ניט קיין דבר המשמח, און די שמחה וואס איז געווען בשאיבת המים - איז געווען נאר מצד דעם ציווי פון אויבערשטן "ושאבתם מים בששון".

ה. דערפון איז פארשטאנדיק אויך בנוגע צו דעם מזבח הרוחני שבכאו"א מישראל,

וואס דאס איז די אידישע הארץ [דער כללות הגוף פון א אידן איז בחי' ירושלים, און אין דער "ירושלים" געפינט זיך די אידישע הארץ וואס איז "רומז כנגד המזבח" (לקו"ת שם - עח, ריש ע"ד)].

און אויף דעם מזבח איז דער איד מקריב זיין חלב און דם - די אלע ענינים אין וועלכע ער האט א געשמאק (חלב) און אלע עניניב אין וועלכע ער קאכט זיך (דם) (ראה סה"מ קונטרסים ח"ב שעג, ב. ואילך. ובכ"מ) - און מאכט פון זיי אויף א קרבן מלשון קירוב (ספר הבהיר סמ"ו (קט). וראה ד"ה באתי לגני השל"ה פ"ב. ד"ה טעמה תש"ט פ"ב), אז זיי (די זאכן אין וועלכע ער האט א געשמאק און א קאך) ווערן נאענט צום אויבערשטן,

ביז אז זיי ווערן "לחמי לאשי" (פינחס כח, ב), א ליכטיקער פייער און הייליקער פייער, וואס איז פארבונדן מיט געטליכקייט.

וואס אין דעם (קרבנות) ווערט נכלל דער קיום פון אלע מצות, וואס דורך זיי ווערט מען באהעפט מיטן אויבערשטן (מצוה מלשון צוותא וחיבור (לקו"ת בחוקותי מה, ג. ובכ"מ)).

איז אין דער שמחה וואס עס דארף זיין בעשיית המצוה (רמב"ם סוף הל' לולב), זיינען דא צוויי אופנים: א שמחה בעשיית המצוה וואס איז פארבונדן אויך מיט דעם טבע און מציאות פון דעם אדם המקיים את המצוה - יין; און א שמחה בעשיית המצוה וואס איז פארבונדן (ניט מיט זיין טבע און מציאות, נאר) בלויז מיט דער מצוה - מים.

ו. בשעת א איד איז מקיים א מצוה וואס איז פארבונדן מיט יין (כפשוטו) - ווי יין לקידוש, אדער יין צוליב שמחת יו"ט - איז אויך דאן די שתיית היין שלו ניט צוליב תאוה ח"ו, מערניט ווי צוליב קיום המצוה.

און אויך די שמחה וואס עס ווערט ביי אים דורך דעם - איז ניט מצד דעם יין גופא, ווי ביי א ניט-אידן, נאר מצד דער מצוה שבזה.

ווארום א איד איז ניט אבי-ווער - אידן זיינען "גוי אחד בארץ" (ש"ב ז, כג. וראה אגה"ק ס"ט. תו"א וישב כז. תע"ד. ובכ"מ), און אויך מצד דעם גוף הגשמי זיינען זיי א "גוי קדוש" (יתרו יט, ו. וראה שיחת ש"פ האזינו, שבת שובה ש.ז. ס"ב), וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז אויך די שמחת הגוף פון א אידן איז ניט מצד דעם יין גופא, נאר מצד די מצוה שבזה.

און אפילו ווען בחיצוניות זעט זיך אויס אז די שמחה איז מצד דעם יין גופא, ווי בא א ניט-איד (ח"ו) - זאגט אבער הורת אמת, אז די שמחה פון א אידן איז מצד די מצוה שבזה.

אבער אעפ"כ, וויבאלד אז יין בטבעו איז א דבר המשמח - איז אויך די שמחה של מצוה וואס איז פארבונדן דערמיט, האט א שייכות מיט דער טבע פון מציאות העולם (טבע היין), און זי קומט ניט צו א שמחה של מצוה (ווי די שמחה פון ניסוך המים) וואס איז ניט פארבונדן מיט טבע, און די שמחה איז בלויז מצד דער מצוה.

ז. דערפון איז פארשטאנדיק אויך בנוגע צו יין און מים, ווי זיי זיינען ברוחניות:

די שמחה וואס איז פארבונדן מיט ניסוך היין מיינט א שמחה של מצוה וואס איז פארבונדן מיט התבוננות (להעיר, שניסוך היין הוא בינה, וניסוך המים הוא חכמה שלמעלה מהשכל (לקו"ת שם פ, א. ובכ"מ)). בשעת א איד איז זיך מתבונן בשכלו אין דעם ווי דער אויבערשטער האט אים געגעבן די מעגליכקייט אז ער זאל קענען מקיים זיין א מצוה, און אין דעם גודל העילוי וואס טוט זיך אויף דורך קיום המצוות, אז דורך דעם ווערט ער באהעפט מיטן אויבערשטן (מצוה מלשון צוותא וחיבור) - רופט עס בא אים ארויס א שמחה גדולה.

און וויבאלד אז די שמחה של מצוה איז פארבונדן מיט שכל און התבוננות - איז דאך מובן, אז דאס איז אזא שמחה של מצוה אין וועלכע עס הערט זיך ניט בלויז די מצוה, נאר אויך דער מציאות (השכל) פון דעם אדם המקיים את המצוה (בדוגמת ווי שמחה של מצוה וואס איז פארבונדן מיט יין גשמי, וואס די שמחה איז פארבונדן (אויך) מיט דער טבע פון יין).

משא"כ די שמחה וואס איז פארבונדן מיט ניסוך המים מיינט - א שמחה של מצוה וואס איז העכער פון שכל און התבוננות.

בשעת א איד שטעלט אין א תנועה פון מסירת נפש, אז ער גיט זיך אוועק אינגאנצן צום אויבערשטן - דארף ער ניט אנקומען צו קיין הסברה בשכל (אין דעם גודל העילוי פון מצוות), און גלייך ווי ער הערט נאר אז דאס איז א ציווי פון דעם אויבערשטן - "וצונו", רופט עס בא אים ארויס א שמחה גדולה.

ח. עפ"ז איז אויך מובן דער טעם פון דעם וואס די שמחה דניסוך המים איז געווען א שמחה גדולה ביותר, ביז אז "מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו":

די שמחה של מצוה וואס איז פארבונדן מיט שכל והתבוננות - איז במדידה והגבלה, כפי אופן ההשגה.

משא"כ די שמחה של מצוה וואס קומט מצד די מסירה ונתינה צום אויבערשטן, מס"נ שלמעלה מהשכל - איז ניטא אין איר קיין מדידות והגבלות.

ט. ע"פ כל הנ"ל וועט מען אויך פארשטיין די שייכות פון ניסוך המים און שמחת בית השואבה צו סוכות און ד' מינים:

די שמחה פון סוכות, זמן שמחתנו - קומט פון די ענינים וואס האבן זיך אויפגעטאן [בר"ה ובעשי"ת ובפרט] ביוהכ"פ. וכידוע (ראה גם עט"ר שער יוהכ"פ לו, סע"א וילך. אוה"ת סוכות ע' א'תשכב ואילך. המשך וככה הנ"ל פפ"ד. ועוד) אז דער סכך הסוכה ווערט פון (די תשובה און) דעם ענן הקטרת דיוהכ"פ.

און דער ענין וואס האט זיך אויפגעטאן ביוהכ"פ און ווערט נמשך ונתגלה אין סכך הסוכה - נעמט ארום דעם אדם מכל הצדדים, ביז דאס נעמט ארום ניט נאר דעם אדם עצמו נאר אויך אלע זיינע ענינים.

וכמ"ש "בסוכות תשבו שבעת ימים - תשבו כעין תדורו" (אמור כג, מב. סוכה כח, ב) - אז אלע זיינע ענינים וועלכע ער טוט בביתו (אכילה, שתי' וכו') ווערן ארומגענומען פון דער סוכה [וואס דאס איז די מעלה פון סוכה אויף טליה: טלית נעמט ארום נאר דעם אדם, ראשו ורובו. משא"כ סוכה, נעמט ארום אויך אלע עניני האדם].

י. אבער אעפ"כ, איז די סוכה נעמט אים ארום נאר מבחוץ. ובלשון החסידות - מקיף, וואס גייט ניט ארליין אין א פנימיות.

און דאס איז דער אויפטו פון מצות נטילת ד' מינים - אז דורך דעם ווערט המשכת הדעת, וואס דעת איז בחי' פנימיות.

ואע"פ אז שכל איז אן ענין שבמדידה והגבלה, וואס דערפאר איז די טליִמות העבודה דוקא אין דער עבודה דמס"נ שלמעלה מהשכל (ווי געזעדט פריער (ס"ז - ח') די מעלה פון ניסוך המים אויף ניסוך היין) - אעפ"כ לאחרי ווי ס'איז שוין דא דער מס"נ (און בל"ג) שלמעלה מהשכל, דארף מען זען, אז דער מס"נ זאל דורכנעמען אויך זיינע כחות פנימיים שכל און מדות, אז אויך זיי זאלן זיין דורכגענומען מיט געטליכקייט.

וואס דערפאר איז לאחרי מצות ישיבה בסוכה דארף זיין "ולקחתם לכם" - אז דער מקיף דסוכה זאל ווערן "לכם", ער זאל ווערן **אייערער**.

וואס דאס איז אויך דער טעם וואס די ד' מינים לייגט מען צו צום הארץ, בכדי אז דאס זאל נמשך ווערן אויך אין הרגש הלב, אין ליבא פליג לכל סייפין (ראה זח"ג רכא, ב) - אין אלע כחות שבכל האברים, כולל אויך דעם כח השכל שבראש.

יא. פירוש הנ"ל אין "ולקחתם לכם" (אז דער מקיף דסוכה שלמעלה מהשגה ווערט "לכם") איז בהתאם אויך מיטן פירוש הפשוט אז "ולקחתם לכם" גייט אויף די ד' מינים (וואס ער זאגט ווייטער אין פסוק), והביאור בזה:

די ד' מינים זיינען כנגד ד' אותיות שם הוי' (פע"ח שער הלולב, וראה בארוכה ד"ה ולקחתם לכם, עטר"ת (סה"מ עטר"ת ע' פד ואילך)), וואס שם הוי' איז למעלה מהשגה (בדוגמת בחי' מקיף דסוכה - אינו ברור), ביז אז ער איז שם המפורש, שם המיוחד און שם העצם (נסמן בלקו"ש חט"ו ע' 234 הע' 36, 37, 38). און אויף דעם זאגט מען "ולקחתם לכם גו' פרי עץ הדר כפות תמרים וענף עץ עבות וערבי נחל", אז מען דארף "נעמען" די ד' אותיות שם הוי' אין אזא אופן אז זיי זאלן ווערן "לכם", **אייערע**.

בכל השנה דארף אויך זיין "שויתי הוי' לנגדי תמיד" (רמ"א או"ה בתחלתו. שו"ע אדה"ז שם מהדו"ת ס"ה), אבער דעמאלט איז הוי' (נאר) **לנגדי**. און בחגה"ס, דורך נטילת ד' מינים, ווערט ער "לכם".

יב. און דאס איז אויך דער טעם (בפנימיות הענינים) פון די דעה וואס האלט אז שמחת בית השואבה הויבט זיך אן די צווייטע נאכט פון סוכות, לאחרי נטילת ד' מינים:

הגהה פרטית בלתי מוגה

דער ענין פון שמחת בית השואבה איז (כנ"ל סי"ג) - די שמחה פון אן ענין שלמעלה מהשגה. און דערפאר קומט שמחת בית השואבה לאחרי נטילת ד' מינים - ווילע בשעת א איד האט דעם ענין הסוכה (שלמעלה מהשגת השכל) נאר בבחי' מקיף, קען מען פון אים ניט מאנען אז ער זאל זיין שש ושמח פון אן ענין שלמעלה מהשגת השכל שלו.

און דערפאר האלט די דעה אז שמחת בית השואבה הויבט זיך אן די צווייטע נאכט סוכות, לאחרי ווי ס'איז שוין דא דער "ולקחתם לכם ביום הראשון" - און וויבאלד אז דיבורו של הקב"ה חשיב מעשה (ראה ב"ר פמ"ד, כב), איז דאך זיכער אז דורכן ציווי (דיבור) "ולקחתם לכם" האט זיך אויפגעטאן בא יעדער אידן אז עס זאל ווערן "לכם", וואס דאס האט זיך אויפגעטאן נאך "ביום הראשון" - איז לאחרי זה (בלילה השני' דסוכות) מאנט מען פון א אידן אז בא אים זאל זיין די עבודה פון "ושאבתם מים" שלמעלה מהשכל, און "ושאבתם מים בששון" - אז די עבודה דמס"נ שלמעלה מהשכל זאל זיין בא אים אין אזא אופן אז ער זאל זיין שש ושמח דערפון.

יג. אבער אעפ"כ איז דא נאך א דעה - און אזוי איז די הלכה - אז אויך בלילה הראשונה דסוכות איז דא שמחת בית השואבה (ס'איז מערניט וואס מצד דערויף וואס די שמחה איז געווען פארבונדן מיטן חליל, האט מען בפועל אנגעהויבן דאס בלילה השני', און בזמן הזה פראוועט מען שמחת בית השואבה אויך בפועל בלילה הראשונה).

ווילע וויבאלד אז אויך בלילה הראשונה האט מען שוין דעם סכך הסוכה בבחי' מקיף עכ"פ, און דאס איז פארבונדן מיט ענין השמחה (וכנ"ל ס"ט אז דאס וואס סוכות איז זמן שמחתנו איז עס פארבונדן מיט סכך הסוכה שנעשה מענין הקיורת) - דעריבער, קען שוין אויך דעמאלט זיין דער ענין פון שמחת בית השואבה, עס זאל זיין שמחה פון בחי' מיב שלמעלה מהשגה השכל.

אבער אעפ"כ איז פארשטאנדיק, אז די שמחה שבלילה הראשונה (ווען מען האט די סוכה נאר בבחי' מקיף) קומט ניט צו די שמחה שבלילה השני' לאחרי ווי ס'איז שוין דא דער "ולקחתם לכם" - וואס דערפאר איז לפי דעה אחת, הויבט זיך אן שמחת בית השואבה ערשט בלילה השני', לאחרי דעם "ולקחתם לכם".

יד. און דאס איז די הוראה וואס מען דארף ארויסנעמען פון דיביידע דעות בנוגע צום זמן ווען עס האט זיך אנגעהויבן ניסוך המים:

די הוראה פון די דעה (וואס אזוי איז אויך די הלכה) אז ניסוך המים איז כל שבעת ימי החג, איז: אז אויך בלילה הראשונה דארף זיין ניט נאר די שמחה פון "מועדים לשמחה" (שבכל יו"ט), און פון "זמן שמחתנו" (דסוכות), נאר אויך די שמחה פון שמחת בית השואבה, וואס "מי שלא ראה שמחת בית השואבה לא ראה שמחה מימיו".

און די הוראה פון די צווייטע דעה אז ניסוך המים (ובמילא אויך שמחת בית השואבה) האט זיך אנגעהויבן ביום השני דסוכות, איז: אז ביום השני דסוכות דארף זיין די שמחה א סאך גרעסער פון די שמחה שביום הראשון, און גרעסער באין ערוך, ביז אין אן אופן אז די שמחה ביום הראשון איז ניט נחשב כלל לגבי שמחה זו, און דער גאנצער ענין פון שמחת בית השואבה הויבט זיך אן ערשט ביום השני.

טו. ובנוגע לפועל:

אע"פ אז אויך ביום הראשון האט מען דאך זיכער געפראוועט שמחת בית השואבה [ווי געוועדט נעכטן, ובעיקר - ווילע אזוי האט דער אויבערשטער אנגעזאגט בתורתו], און ס'איז דאך זיכער געווען א שמחה גדולה ואמיתית -

זאל מען ניט מיינען אז מען קען יוצא זיין מיט דעם וואס מען האט נעכטן געפראוועט שמחת בית השואבה, און אפילו ניט מיט דעם וואס מען וועט אויך היינט

פראווען שמחת בית השואבה אין אזא אופן ווי נעכטן (כאטש אז אויך נעכטן איז מען געווען שמח בשמחה גדולה ובניגונים וריקודים),

נאר מען דארף מוסיף זיין בשמחה, בניגונים וריקודים, ביתר שאת וביתר עז, ביז אז דאס וועט דורכנעמען אין א פנימיות ("ולקחתם לכם") אלע כחות הנפש, און אויך דעם גוף.

טז. כמובן, אז האמור לעיל איז עס א הוראה פאר יעדער אידן. סיי פאר די אידן וואס געפינען זיך אין ארצנו הקדושה - "ארץ אשר גו' תמיד עיני ה"א בה מרשית השנה ועד אחרית שנה" (עקב יא, יב), סיי פאר די אידן וואס געפינען זיך אין חו"ל,

אבער אויך אין חוץ לארץ איז דאך פאראן דער ענין פון ארץ הקדושה ברוחניות, ווארום אכל בי עשרה שכינתא שריא (ראה סנהדרין לט, א), וואס דאס איז בכל מקום ומקום.

דערצו קומט נאך צו די קדושה פון בית הכנסת ובית המדרש - "בית גדול", "מקום שמגדלין בו תורה" (בית המדרש), און "מקום שמגדלין בו תפלה" (מ"ב כה, ט. מגילה כז, א), (בית הכנסת), ובפרט נאך ווען אין עם ביהכ"נ וביהמ"ד געפינט זיך א ארון קודש מיט א ספר תורה.

דערצו קומט נאך צו א קדושה נוספת אין **דעם** ביהכ"נ וביהמ"ד - וואו דער רבי נשיא דורנו איז געווען עשׂר שנה.

און דאס (וואס מען געפינט זיך אין א מקום קדוש) דארף צוגעבן אין די שמחה נאך ביתר שאת וביתר עז.

יז. נאך אן ענין אין די שמחה נוספת שביום שני דסוכות - וואס קומט צו בשנה זו ביחוד:

וויבאלד אז דער יאר איז שנת הקהל - "הקהל את העם האנשים והנשים והטף" - דארף מען ארייננציען אין שמחת בית השואבה אויך די טף וואס אין טף ווערן נכלל אויך גאר קליינע קינדער.

און וויבאלד אז דער רמז אויף ניסוך המים אין תורה הויבט זיך אן פון דעם מ' פון "ונסכיהם" וואס שטייט ביום השני (פינחס כט, יט. שבת קג, סע"ב. תענית ב, ב. פרש"י עה"פ) - איז דאך פארשטאנדיק, אז פון יום השני אן איז דער ענין פון ניסוך המים אין אזא אופן אז אויך טף ווייסן דערפון.

ווארום אותיות התורה לערנט מען דאך אויך מיט גאר קליינע קינדער. ווי דער אלטער רבי פסק'נט (בהל' ת"ת בהתחלתן), אז נאך אלידער דער קינד ווערט א בן חמש למקרא, מיט א משך זמן פריער, לערנט מען מיט אים אותיות התורה.

איז בשעת דער קינד זעט דעם מ' פון "ונסכיהם" וואס שטייט ביום השני - איז מען אים מסביר, אז דער מ' איז דער אנהויב פון דעם ווארט מים, וואס מען פלעגט מנסך זיין בסוכות, און שואב זיין די מים בשמחה גדולה.

יח. המורם מכל האמור איז, אז היינט דארף מען מוסיף זיין אין די שמחה פון שמחת בית השואבה, ביתר שאת וביתר עוז, נאך מער ווי נעכטן.

ועד"ז אויך אין די ימי הסוכות שלאחרי יום השני, איז בכל לילה ולילה ובכל יום ויום דארף מען מוסיף זיין בשמחה, כהציווי (ברכות כח, א. וש"נ) "מעלין בקודש".

הנחה פרטית בלתי מוגה

און ממשיך זיין די שמחה על כל השנה כולה, אז עס זאל זיין א פריילעכער יאר בכל הפרטים,

ביז צו די אמת'ע שמחה און אייביקע שמחה - "שמחת עולם על ראשם" [וואס "שמחת עולם" מיינט אייביקע שמחה], בביאת משיח צדקנו, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, בקרוב ממש.

התחיל לנגן ופרצת.

* * *